STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03957

FOLK ODER SHEYVET

A. Khravolovski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַ. כראַבאָלאָווסקי (לאָס־אַנדשעלעס)

פאָלק אָדער שבט

פרייל
אַנד - בראָשורן - ביבליאָטעק

אַרויסגעגעבן פון דער „פרייל
אַנד - ליגע"
מעקסיקע — ניו - יאָרק 1951

א פּאָר באַגלייט ווערטער

די דאָזיקע בראָשור „פאָלק אָדער שבט" איז געשריבן פון חבר אלקנה כראַבלאָווסקי לויט זיין אייגענער איניציאַטיוו און געדאַנקען־ריכטונג. זי אַנטשפּרעכט אָבער אין גרויסן און גאַנצן דעם געדאַנקען־סיסטעם פון דער פריילאַנד־ליגע. א. כראַבלאָווסקי געהערט צו דעם פאַרדינסטפולן דור פון די פּיאָנערן פון דער טעריטאָריאַליסטישער און ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אידעע. אין איינער פון די סאַמע אַקטיווסטע יידיש־פּוילישע שטעט — אין טשענסטאָכאָוו — האָט ער פון זיין פריסטער יוגנט אָן זיך איבערגעגעבן צו אַ געטרייער אַרבעט פאַרן יידישן פאָלק, יידישן אַרבעטער־מענטש, יידישער פאָלקס־קולטור. ער איז געווען מער ווי אַ דורכשניטלעכער פּאַרטיי־טוער; ער האָט אין זיין סאָציאַליסטישן טעריטאָריאַליזם אַריינגענומען די גאַנצע רייכקייט פון געדאַנקען און געפילן וואָס זענען געשאַפן געוואָרן דורך דער לעבעדיקער יידישער גייסט־ירושה און דער אינספּירירנדיקער רוסישער רעוואָלוציע. מיט באַזונדערער ליבע האָט ער, ווי אַן עכטער פאָלקסמענטש, געווידמעט זיין צייט און גרויסע ענערגיע צו די אינסטיטוציעס פון מאָדערנעם יידישן קולטור־לעבן און שולוועזן, אין וועלכע ער האָט געזען דעם סאַמע יסוד פון יידישן רענעסאַנס און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג.

נאָך אַלע וואָגלענישן און מאַטערנישן פון יענער צייט איז ער אָנגעקומען אין אַמעריקע. נישט אויף איין איינציקן טאָג האָט ער

אויך דאָ אָפּגעשוואַכט זיין איבערגעבנקייט צו דעם גייסטיקן אוצר וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך. „טשענסטאָכאָוו" ווי די רעאַלע שטאָט פון יידישן קאַמף פאַר צוקונפט און ווי דער סימבאָל פון אָט דער צוקונפט, האָט געלעבט אין אים ווי אַ לעבעדיקע פּראָגראַם. און עס פאַרשטייט זיך, אַז ער איז געוואָרן איינער פון די געטרייסטע מיטאַרבעטער אין דער ניי אויפגעקומענער פריילאַנד־ליגע.

אויך אין „פריילאַנד" היט ער אָפּ די אָרגאַנישע פאַרבינדונג פון דעם גלאָרדרייכן עבר מיט דער אויסגעבענקטער צוקונפט; פון קאַמף פאַר אַ גרויסער יידישער קאָלאָניזאַציע מיט דער טיפּגרונטיקער אַרבעט פאַר יידישער קולטור; פון יידישן סאָציאַליזם מיט די פרייהייטלעכע, אַנטי־שאָוויניסטישע און אַנטימיליטאַריסטישע אידעען פון דער מענטשהייט. די פראַגע „פאָלק אָדער שבט?" איז פאַר אים נישט קיין אַקאַדעמישע דיסקוסיע־פראַגע. אים גייט עס אין דעם אַז מען זאָל אויפוועקן די איינגעדרימלטע כוחות פון פאָלק, פון זיינע פירער און קולטור־טוער צו דער סכנה פון שבטיזם וואָס פאַרשפּרייט זיך ביי אונדז ווי אַ מגפה. אים גייט עס אין דעם צו איבערצייגן, אַז די פראַגע פון יידיש און העברעיש איז נישט קיין שפּראַכן־קאַמף, קיין ריב לשונות, נאָר אַ קאַמף צווישן יידישן וועלט־פאָלק און ציוניסטיש־העברעיסטישער גייסטיקער איינשרומפּונג.

זאָל דאָס צום סוף דערמאָנט ווערן, אַז א. כראַבלאָווסקי האָט אין די לעצטע יאָרן גענומען דעם אַקטיווסטן אָנטייל אין שאַפן דעם פּרעכטיקן ספר „טשענסטאָכאָווער יידן", אַרויסגעגעבן פון דער טשענסטאָכאָווער לאַנדסמאַנשאַפט. ער האָט אין לויף פון עטלעכע יאָר געהאָלפן דורכפירן די ריזיקע אַרבעט פון זאַמלען, באַאַרבעטן און צוזאַמענשטעלן דאָס דאָזיקע ווערק וואָס איז געוואָרן איינס פון די בעסטע יזכור־ביכער פון אונדזער צייט. אַ שטיק אייגן לעבן פון א. כראַבלאָווסקי שטעקט אין יענעם ווערק.

און איצט זאָל דער לעזער אַליין אַריינטיפן זיך און אָפּשאַצן די אויפריכטיקע און אחריותדיקע רייד פון אונדזער חבר און פריינד.

י. נ. ש.

מאַי, 1951

די גרױסע אידעע פֿון יידישן לעבן אין אונזער צייט

די פֿראַגע מדינת ישראל און תפוצות ישראל האָט, ווי ס׳זעט אויס, צעטיילט אונדזער עפֿנטלעכקייט אין צוויי מחנות: איינע מיטן געדאַנק, אַז מיט דער גרינדונג פֿון ישראל איז יידיש פֿאָלק געוואָרן איין־פּנימדיק (כדי אויסצומיידן דאָס ברוטאַלע וואָרט טאָטאַליטאַר) און דאָס איז ציוניסטיש־העברעאיסטיש. דאָס איבעריקע, די ניינציק פּראָצענט פֿון די תפוצות זענען מער נישט ווי עפר ואפר, אין בעסטן פֿאַל צו באַמיסטיקן דאָס פֿעלד פֿון מדינת ישראל. די צווייטע מחנה באַשטייט אויף אַ צוויי־פּנימדיק פֿאָלק: איינס מדינת ישראל, דאָס צווייטע תפוצות ישראל. די ערשטע, ווייזט אויס. טראַכטן, אַז איין פּנים פֿאַר אַ פֿאָלק איז גענוג, די צווייטע — אַז אונדזער פֿאָלק מיט זיין רייכער געשיכטע קען זיך פֿאַרגינען צו האָבן צוויי פּנימער״...

אָפּוואַרפֿנדיק אין גאַנצן דעם טאָטאַליטאַרן פּנים און וועזן פֿון יידישן פֿאָלק ווי יעדן סאָרט טאָטאַליטאַריזם, וואָס איז קעגן די געזעצן און אַנטוויקלונג פֿון לעבן — מוז מען אָבער אויך אָפּפֿרעגן דעם צווייטן געדאַנק: צי איז אמת, אַז מדינת ישראל און תפוצות ישראל האָבן צוויי פּנימער?

דאַכט זיך, אַז ס׳דאַרף זיין קלאָר פֿאַר יעדן, וואָס האָט אַן אָפֿן אויג פֿאַר די דערשיינונגען פֿון לעבן, אַז די צעטיילונג אין יידישן לעבן זענען נישט די גרעניצן פֿון ישראל, נאָר אַז סיי אין דער יידישער מלוכה, סיי אין די תפוצות איז דאָס יידישע לעבן צעטיילט אויף נאָרמאַלע געזעלשאַפֿטלעכע שיכטן אויף וועלכע אַלטע געשיכטע, מאָ־

דערנע אנטוויקלונג און פאָרטשריט פון יידישן לעבן האָבן געליגט זייער סטעמפּל. אין ישראל און אין די תפוצות געפונען זיך כמעט די זעלביקע ריכטונגען און אידעאָלאָגיעס, וואָס הייבן זיך אָן מיט עקסטרעמער אָרטאָדאָקסיע און ענדיקן זיך מיטן נאַציאָנאַלן ניהיליזם פון די קאָמוניסטן. וואָס שייך די לעצטע אין ישראל איז דאָ נישט די רייד וועגן דער אָפיציעלער קאָמוניסטישער פּאַרטיי נאָר אויך וועגן גרויסע טיילן פון מפ"ם, וואָס שטיצן זיך אויף די „אוואַנגאַרדישע חלוצישע עלעמענטן און חלוצישן קאָנסטרוקטיוון כוח אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און זענען אויפן וועג אָנצונעמען די גאַנצע קאָמוניסטישע תורה פון אלף ביז תוו. און דער תוו פון דער קאָמוניסטישער לערע וואָס שייך ייִדיש פאָלק איז דאָך איליא ערענבורג...

ניין, דאָס יידישע לעבן איז געווים נישט געוואָרן טאָטאַליטאַריש איין־פּנימדיק מיט דער גרינדונג פון ישראל אָבער אויך נישט צוויי־פּנימדיק מיט איין פּנים אין ישראל, און דאָס צווייטע אין די תפיצות. עס איז געבליבן דאָס זעלביקע ווי געווען: איין פאָלק מיט פאַרשידע־נע ריכטונגען, ווי אַ שטענדיק פליסנדיקער פאָלקס־קוואַל מיט פאַרשי־דענע שטראָמען, וואָס די צייט, געשיכטע און מאָדערנע אַנטוויקלונג האָבן געבראַכט צום לעבן.

אַ פאָלק מיט פאַרשידענע מחנות

א) אָרטאָדאָקסיע

פון אוראַלטע לעגענדאַרע צייטן ציט זיך אונדזער געשיכטע. אַן אוראַלטער מענטש — אונזער זיידע אברהם, האָט אין איין אָוונט זיך פאַרקוקט אויף די שטערן. גאָט האָט זיך דעמאָלט צו אים באַוויזן און געזאָגט: „קענסטו ציילן די שטערן אין הימל — אזוי וועלן זיין דיינע קינדער"...

עס איז געקומען יצחק מיט דער עקדה, יעקב מיט די צוועלף שבטים. מיט זיי און פון זיי הייבט זיך טאַקע אָן די לעגענדאַרע גע־שיכטע פון אונדזער פאָלק. דערנאָך מצרישע קנעכטשאַפט, משה רבינו און יציאת מצרים, מדבר און מתּן תורה. מלחמות מיט די כנע־נים און די ערשטע ציון־עפּאָכע. נביאים, מלאכים, שופטים, חשמונ־

אים, חורבנות, גלותן. בבל און תלמוד. ווידער אויפבוי, רוימישע הער־שאפט און ווידער חורבן. צעשפרייטקייט איבער דער וועלט, פינצ־טערער מיטלאלטער, שנאה, רדיפות, גירושים, שפאנישע גאלדענע עפאכע און אינקוויזיציע. רויב און מארד פון די קריסטלעכע הערשער און גלויבן אין גאטס תורה און משיח־האפענונג ווי דער איינציקער אויפהאלט און צוזאמענהאלט פון פאלק. דאס אלץ און די וויטערדי־קע געשיכטלעכע געשעענישן האבן איבערגעלאזט טיפע שפורן אין דער נשמה פון פאלק. גלויבן און אפגעזונדערטקייט פון „עם מפוזר ומפורד בין העמים" — האבן בלי ספק געהאט דעם גרעסטן חלק אויפצוהאלטן און צוזאמענצוהאלטן די גאנצקייט פון פאלק דורך לאנגע הונדערטער יארן און געלאזט טיפע רעליגיעזע ווארצלען אין א גרויסן טייל פון פאלק. היינט־צו־טאג שטעלט דער טייל מיט זיך פאר דעם ארטאדאקסיש־רעליגיעזן טייל פון יידישן פאלק.

ב) ציוניזם

עס זענען אנגעקומען נייע צייטן. פרייהייט־רעוואלוציעס, רע־נעסאנס, יידישע עמאנסיפאציע, השכלה, חיבת ציון־באוועגונג און דער פאליטישער ציוניזם.

חיבת ציון און שיבת ציון, וואס זענען יארהונדערטער געווען עלעמענטארע טיילן פון יידישן גלויבן, זענען וויטער געבליבן די אינעווייניקסטע שטארקסטע כוחות אין מאדערנעם פאליטישן ציו־ניזם. אזוי האט דער ציוניזם, גענערט פון אינעווייניק דורך דער בענ־קעניש צוריק צום אמאל און געשטויסן פון שטארקע שונאים פון דרויסן אין געשטאלט פון אנטיסעמיטיזם — באהערשט א גרויסן טייל פון פאלק. א טייל פון דער אידעישער יידישער יוגנט האט זיך גע־לאזט קיין ארץ ישראל כדי מיט זייער שוויים, און אידעאליזם צו באַ־לעבן, באפלאנצן און באבויען די וויסטעניש פון זאמד און שטיינער און אויפסניי פארפלאנצן יידישן לעבן.

עס איז געקומען די ערשטע וועלט־מלחמה, די באלפור־דעקלא־ראציע, די ענגלישע דעראבערונג פון ארץ ישראל, די פוילישע זעלבסט־שטענדיקייט און גראבסקים פערטע עליה, די שליסונג פון די טויערן פון אמעריקע, ענגלאנדס ירידה, די צווייטע וועלט־מלחמה און דער גרויסער יידישער חורבן־אייראפע — דאס אלץ צוזאמען מיטן פאר־

עקשנטן ווילן פון יידישן ישוב צו טעריטאָריאַלער זעלבסטשטענדיקייט און מיט דער גרויסער הילף פון יידישן ישוב אין אמעריקע האָט גע־בראַכט צו דער גרינדונג פון מדינת ישראל, וואָס דער גרעסטער טייל פון פאָלק האָט באַגריסט ווי דער גרעסטער נס פון יידישן לעבן אין אונדזער צייט.

ג) יידישער סאָציאַליזם

די פרייהייטס־באַוועגונג אין אַמאָליקן רוסלאַנד און די אַנטוויק־לונג פון יידישן לעבן האָבן אַרויסגעפירט אויף דער אַרענע פון יידי־שן לעבן אַ דריטן כוח: די אַרבעטער און פאָלקסמאַסן, וואָס זענען ביז דעמאָלט געווען דערווייטערט פון דעם חלק געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן, וואָס זיי איז געקומען ווי אַ טייל פון פאָלק. די דאָזיקע מאַסע, אַרויסרוקנדיק אירע פאָלקס־פירער סיי פון זיך גופא, סיי פון דער אינטעליגענץ — האָט מיטן אימפעט פון אַ שטראָם, וואָס איז לאַנג געהאַלטן געוואָרן אונטער אַן אונטערערדישן צוים זיך ווייט און ברייט צעגאָסן איבערן יידישן לעבן און עס באַפרוכפּערט מיט נייע אידעען, נייע שטרעבונגען און נייע האָפענונג. די צוויי הויפּט־כוחות וואָס האָבן געפירט די דערוואַכטע יידישע מאַסן זענען געווען: סאָציאַ־ליזם און יידיש. פון זייער באַהעפטונג איז געבוירן געוואָרן דער יידי־שער סאָציאַליזם.

סאָציאַליזם האָט באַדייט דעם אויפשטייג פון יידישן בעל־מלאַ־כה, געזעלן, אַנגעשטעלטן, פאַבריק־אַרבעטער, פעקל־טרעגער או״וו צו אַן אַקטיוון געזעלשאַפטלעכן כוח אין יידישן לעבן און פרייהייט־לעך דעמאָקראַטישע הערשאַפט אין די לענדער, וווּ יידן האָבן גע־לעבט, נאַציאָנאַלע פרייהייט פון פעלקער און נאַציאָנאַלע רעכט פון די מינדערהייטן. פרייהייט און גלייכהייט פאַרן יחיד און פאָלק. די באַנייאונג פון דער אַלט־נביאישער אידעע פון באַחרית הימים אין אונדזער צייט, אין אונדזערע אומשטענדן.

יידיש האָט געמיינט — און איז געבליבן — דער קולטורעלער אויפשטייג פון פאָלק. „באַנטשע שווייג״ האָט באַקומען אַ לשון, האָט אָנגעהויבן רעדן, זינגען, טראַכטן, לייענען און שרייבן. מיט יידיש האָט זיך אַ רעוואָלוציאָנערנדיקער שטראָם אַריינגעגאָסן אין פאַרגליווער־טן יידישן לעבן און עס פאַרפלייצט איבער די ברעגעס. יידיש איז

אָבער אויך געווען — און געבליבן — פאַרבינדן מיט הונדערטער יאָרן פאָלקסלעבן, וואָס האָט צענדליקער דורות באַגלייט פון וויגעלע מיט דער מאַמעס וויג־לידער. דורכן חדר מיט די יידישע פאַרטייטשונגען פון חומש און רש״י, תנ״ך, גמרא מיט דער מאַמעס תחינות, צאינה וראינה און מעשה־ביכלעך פאַר יידישע דינסט־מיידלעך ביז דער מאָדערנער פאָרעם פון קלאַסיקער און דער גאַנצער פּלעיאַדע שריפטשטעלער, דיכטער, וויסנשאַפטלער און זשורנאַליסטן. העברעישע צייטונגען און זשורנאַלן זענען געווען צוגעגנגלעך נאָר פאַר יחידי סגולה, יידיש, יידישע ליטעראַטור, יידישע פּרעסע איז געוואָרן דאָס אייגנטום פון גאַנצן פאָלק איינשליסנדיק די ציוניסטן, וואָס האָבן זייערע צייטונגען און זשורנאַלן אַרויסגעגעבן דוקא אין יידיש.

די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג אויף יענער זייט ים, די האַנטווערקער־קלובן, די קליינהענדלער פאַראיינען, די „הזמירס״, „ליראַ׳ס״, און אַנדערע קולטור־געזעלשאַפטן און איבער אַלעמען די יידיש־וועלטלעכע שולן — דער גרויסער וווּנדער פון יידישן אַרבעטער און פאָלקסמאַסע אין פּוילן; די יידישע יוניאָנס אין אַמעריקע, דער אַרבעטער־רינג און ענלעכע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס, די יידישע פּרעסע און ליטעראַטור אין אַמעריקע — אַלץ איז אָרגאַניזירט און געשאַפן געוואָרן מיט יידיש און דורך יידיש און אומעטום איז געפירט און געווונען געוואָרן אַ מלחמה פאַר יידיש.

די קולטורעלע אויטאָנאָמיע וואָס דער „בונד״ האָט אַרויסגעשטעלט ווי אַ מיטל צו באַשיצן די קולטורעלע רעכט פון דער יידישער מינדערהייט איז צוזאַמענגעטן דורך דער הערשנדיקע מערהייטן נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן, אָבער די יידישע מאַסן האָבן מיט זייער אַרבעט און אָרעמע גראָשנס אומעטום געשאַפן זייער קולטורעלע אויטאָנאָמיע, זי פאַרטיידיקט און אויסגעהאַלטן, אַזוי ווי די פריערדיגע דורות האָבן געשאַפן זייער רעליגיעזע אויטאָנאָמיע.

אויך ביי אונדז אין אַמעריקע, אין דעם פרייען לאַנד מיט דער ענגלישער קולטור הערן נישט אויף די יידישע מאַסן צו קעמפן מיטן שמעלצטאָפּ פאַר זייער קולטורעלער אויטאָנאָמיע. יעדע צייטונג, יעדער זשורנאַל, יעדע יידישע שול, יעדע יידיש־קולטורעלע אונטערנעמונג איז אַ קאַמף פאַר דער קולטורעלער אויטאָנאָמיע. די פאַרדינסטן פון

„בונד" און אנדערע יידיש־סאָציאַליסטישע ריכטונגען אויפן געביט פון סאָציאַלער רעכט און קולטור פאַר די פאָלקס מאסן וועלן אין דער יידישער געשיכטע פאַרשריבן ווערן מיט גאָלדענע אותיות.

ד) טעריטאָריאַליזם

טעריטאָריאַליזם איז פאַרבונדן מיט זיין געבורט מיטן ציוניזם. אָבער דער שטורעם פון דער פרייהייטס־באַוועגונג, זיין איבערריים מיטן ציוניזם און דער קער צו די יידישע פאָלקס־מאַסן, וואס ער האָט געמאַכט — האָט אים געמאַכט פאַר א טייל פון דריטן צד — דעם יידיש־סאָציאַליסטישן פאָלקס־כוח אין יידישן לעבן.

דער טעריטאָריאַליזם ווי ער איז געקומען צום אויסדרוק דורך די ס"ס און „פאַראייניקטע" האָט געשטעלט דעם טראָפּ פון יידישן סאָציאַליזם אויף דער עקאָנאָמיק פון יידישן לעבן און האָט פאָרויסגע־זאָגט, אז די אנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם און די קאָנקורענץ פון די נישט־יידן וועט אַרויסשטויסן די יידישע האַנטווערקער, אַרבעטער און הענדלער פון זייערע פּאָזיציעס אין דער קליין־אינדוסטריע און וועט זיי נישט געבן קיין פּלאַץ אין די גרויסע אינדוסטריעלע פאַבריקן און אַגריקולטורעלער לאַנדווירטשאַפט. די יידישע אַרבעטסמאַסן וועלן זיין געצוווּנגען צו זוכן נייע אַרבעטספּלעצער אין פרייע לענדער. די קולטור פון א פאָלק, האָבן די טעריטאָריאַליסטן געטענהט, קען זיך נאָר באַפעסטיקן אויף געזונטע, נאָרמאַלע עקאָנאָמישע יסודות. דער גלות־לאַנגער יידישער נע־ונד, די יידישע וואַנדער־פּראָבלעם מוז דער־ריבער פאַרענטפערט ווערן דורך טעריטאָריאַלער קאָלאָניזאַציע.

דאָס איז געווען טעאָריע. אָבער אויך די טעאָריע האָט גע־וועקט דאָס געוויסן פון דער יידישער עפנטלעכקייט צו דער גרויסער־— אפשר גרעסטער — פּראָבלעם פון יידישן לעבן: עמיגראַציע אין נייע, פרייע לענדער פאַר יידישער איינוואַנדערונג מיטן הויפּטציל: די נייטיקייט פון א יידישן מערהייט־צענטער אויף א פרייען טעריטאָ־ריאַלן שטח.

אין לעבן האָט אָבער דער טעריטאָריאַליזם גלייך ווי דער „בונד" געאַרבעט און געקעמפט פאַר דער רעכט און קולטור פון די יידישע

מאַסן דאָרטן ווו זיי האָבן געלעבט און גענומען דעם אַקטיווסטן אָנ־טייל אין זייער קולטור־שאַפונג.

דער אמת פון טעריטאָריאַליסטישן בליק אויפן ייִדישן לעבן איז פּילפּאַך באַשטעטיקט געוואָרן. די ייִדישע מינדערהייט איז דורכן אַנ־טיסעמיטיזם, פאַרצאַמטן וועג צו די אינדוסטריעלע אונטערנעמונ־גען און מלוכהשע און שטאַטישע אַנשטאַלטן ווי מיר האָבן עס געזען אין פּוילן, געטריבן געוואָרן צו מאַסן אויסוואַנדערונג. אָבער די טויִ־ערן פון אַלע לענדער. אייגשליסלעך ארץ ישראל, זענען געווען גע־שלאָסן. ווי אַנדערש וואָלט עס געווען, ווען חוץ ישראל וואָלטן ייִדן געהאַט אַ פרייַ לאַנד זיך צו ראַטעווען בשעת דער היטלער־חורבן האָט זיך געררוקט אויף אונדז אין אייראָפּע!

פון דער צווייטער זייט האָבן די ייִדישע וואַנדערנדיקע מאַסן גע־שאַפן די גרויסע צענטערס: ישראל און אַמעריקע. דער אמת בלייבט לעבעדיק אַפילו מיט דער גרינדונג פון מדינת ישראל. די ייִדישע מלוכה האָט די גאַנצע ייִדישע וואַנדער־פּראָבלעם נישט פאַרענטפערט.

ה) אַסימילאַטאָרן

צוזאַמען מיט די אויסגערעכנטע אידעאָלאָגיש־אָפּגעטיילטע איינס פון אַנדערן טיילן פון פאָלק, וואָס האָבן געהאָלפן זייַן אויפהאַלטן און אַנטוויקלונג אין אַלטע און נייַע צייַטן טאָר מען אויך נישט פאַר־געסן דעם חלק, וואָס האָבן בייגעטראָגן צום ייִדישן לעבן דער אַזוי גערופענער אַסימילירטער שיכט פון דער ייִדישער בורזשואַזיע און אינטעליגענץ. זיי ווערן פּערזאָניפיצירט מיט אַזעלכע באַקאַנטע נע־מען ווי: באַראָן גינזבורג, באַראָן ראָטשילד, פּאָליאַקאָוו, אַדוואָקאַט ווינאַווער, סליאָזבערג אין אַלטן רוסלאַנד. אין אַמעריקע: מאָרגענ־טוי, סענאַטאָר הערבערט לעהמאַן, פראָסקאַוער, ראָזענוואַלד א"א. זייער אַרבעט האָט איבערגעלאָזט טיפע וואָרצלען און פרוכט אין ייִדישן לעבן, וואָס ווירקן נאָך עד היום. ישראל האָבן זיי געגעבן אַ גרויסע צאָל אַגריקולטורעל־אויסגעבילדעטע יוגנט פון די גערטנער־פערמעס וואָס זיי האָבן געגרינדעט. זיי האָבן געגרינדעט דעם „אָרט", די ערשטע תלמוד־תורהס און די האַנטווערקער־שולן, לייַ־און־שפּאָר־קאַסעס. ביז ס'זענען אויפגעשטאַנען די מאָדערנע געזעל־

שאפטן „אָזע" און „טאָז" (די לעצטע אין פוילן) זענען די וווילטע־טיקע געזעלשאפטן, געגרינדעט דורך דער אסימילאטאָרן כמעט גע־ווען די איינציקע, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט הילף פאַר דער יידישער אָרעמער באַפעלקערונג, און הגם מיר האָבן אַזוי שטאַרק באַקעמפט זייער אַסימילאַטאָרישע טענדענץ און געקעמפט פאַר יידיש אין די אַלע אינסטיטוציעס וואָס זיי האָבן געשאַפן — קען קיינער אָבער נישט אָפּלייקענען דעם חלק, פאַרדינסט וואָס זיי האָבן אין יידישן לעבן.

אונטער די פראַנט־ליניעס פון פאַרטייען און ריכטונגען

פאַרטייען און ריכטונגען האָבן געפירט און פירן ווייטער צווי־שן זיך אַן אידעישע מלחמה פאַר זייער איינפלוס און פאָזיציעס אין יידישן לעבן, אַז אַ סך מאָל איז די מלחמה געווען און איז נאָך ביז היינט צו טאָג זייער שאַרף. אָבער אונטער די פראָנטן פון פאַר־טייען און ריכטונגען האָט דאָס לעבן זיי אויסגעמישט, צוזאַמענגע־גאָסן און געשאַפן דעם סינטעז, דעם פילפאַרביקן מאָזאַאיק וואָס הייסט יידיש לעבן.

די רעליגיעזע יידן האָבן פון זיך אַרויסגעגעבן יונגע דורות, וואָס האָבן זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פון דעם „וועלטלעכן" ציוּ־ניזם און יידישן סאָציאַליזם, מיטבריענגענדיק מיט זיך דעם פּאַטאָס, התלהבות און רעליגיעזע באַגייסטערונג פאַר די נייע אידעען. סאָ־ציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן, וואָס זענען געווען די טרעגער פון דער טעריטאָריאַליסטישער אידעע אין יידישן לעבן, האָבן זיך אַריינ־געגאָסן אין די ציוניסטישע רייען מיטטראָגנדיק מיט זיך די ליבע צו יידיש און ברייטערן פאַרנעם צום יידישן לעבן. ס'סאָוועצעס און „פאַראייניקטע" האָבן זיך געשטעלט אין שפּיץ פון „בונד" און אים געשטויסן פאַרויס פון „נייטראַליטעט" צום אַקטיוון קאַמף פאַרן נאַ־ציאָנאַלן קיום און וועלט־באַנעם פון יידישן פאָלק. ציוניסטן האָבן געגרינדעט יידישע זשורנאַלן, יידישע צייטונגען, געבויט יידישע שולן און אין טייל לענדער געפירט אַ קאַמף פאַר יידיש.

אויך אונטערן אָפיציעלן יידיש־פיינטלעכן העברעיש־ציוניס־

טישן פראָנט אין ישראל לעבט און ווירקט יידיש לשון. נישט אין איין דור און מיר האָפן נישט אין עטלעכע דורות וועט דעם ציוניס־טישן העברעיזם אויסצוואָרצלען פון הארצן און פון מויל פון פאָלק זיין פאָלקשפּראַך, די קולטור־ירושה פון דורות. שוין איצט דרוקן זיך אין ישראל יידישע ביכער און מיר זענען זיכער, אַז זיי וועלן דאָרט פאַרשפּרייט און געלייענט מער ווי די ביכער פון יידישע שרייבער, וואָס ווערן געדרוקט ביי אונדז אין אַמעריקע. דער גרעסטער טייל פון פאָלק, וואָס שטיצט ישראל, גלייבט — און מיר צוזאַמען מיט זיי — אַז יידיש און העברעיש אין ישראל וועלן לעבן און גע־דייען צוזאַמען, חוץ די צוימען און שטערונגען וואָס ווערן דאָרט געמאַכט פאַר יידיש. יידישע סאָציאַליסטן און קולטור טוער קענען מיטהעלפן אַפּ דעם פּראָצעס מיטן פאַרשטאַרקן די קולטור און אויפהייבן דעם גייסטיקן מצב פון יידישן אַמעריקע. ווייל ווען זרבבל שרייבט אין זיינע צוויי אַרטיקלען אין „טאָג” אַז „העברעיש איז אָפיציעל און פּאָליטיש די שפּראַך פון ישראל” איז דער „אָפיציעל” נאָר אמת. אָבער אמת איז, אַז די ראָל פון יידיש אין ישראל איז געוועגדט אין דעם „וואָס פאַר אַ מערכה זי וועט האָבן אין די יידי־שע ישובים מחוץ ישראל, קודם כל טאָקע אין אַמעריקע”.

לאָמיר דאָס אויף איין מינוט נישט פאַרגעסן!

יידיש און העברעיש אין ישראל

יידיש איז אין תוך נישט געווען און איז נישט קעגן העברעיש. יידיש האָט געזויגן פון די שטראָמיקע קוואַלן פון לשון קודש און פון די שפּעטערדיקע תלמודישע און רבנישע שאַפונגען, ביז יידיש איז קיין עין הרע אויפגעוואַקסן און איז אַליין געוואָרן מאַמע־יידיש. וואָס מער יידיש רייסט זיך אָפּ פון איר מקור: דייטשמעריש, באַ־פרייט זיך פון אירע סלאַווישע צוטשעפּעגישן און באַהעפט זיך מיט אַלטן קוואַל פון העברעיש — אַלץ חנעוודיקער און פאָלקס־טימלע־כער און יידישלעכער ווערט זי. יידיש האָט זיך אָבער אַנטוויקלט און עולה לגדולה געווען אַלס פאָלק־ און ליטעראַטור־שפּראַך מיטן אויפשטייג פון פאָלק, פון די ברייטסטע פאָלקס־מאַסן צום אַקטיוון געזעלשאַפטלעכן לעבן און צוזאַמען מיטן קאַמף, וואָס די יידישע

אַרבעטער־מאַסן האָבן, ווי ביי אַנדערע פעלקער, געפירט פאַר זייער פאָליטישער און עקאָנאָמישער רעכט און קולטורעלער אַנטוויקלונג.

נישט די טעאָרעטיקער און אידעאָלאָגן פון דער יידישער פאָלקס־ און אַרבעטער־באַוועגונג האָבן אויסגעטראַכט און אָנגעהויבן דעם קאַמף פאַר יידיש. פאַרקערט: די יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן האָבן פאַריידישט אַ גרויסן טייל פון דער אַסימילירטער אינטעליגענץ פון „בונד" און ס"ס אַזוי ווי דער ברייטער שטראָם פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיי געשטויסן זיך צו פאַרטיפן אין די פּראָבלעמען פון יידישן לעבן, זוכן אויף זיי אַן ענטפער און אָננעמען די פאָרמען פון אַ יידיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

דערפאַר טאַקע איז קעגן יידיש געווען דער גבירישער אַסימילאַטאָר (באַזונדערס אין פוילן) און דער באַלעבאַטישער יחסן. אָט דער „שפּראַכן קאַמף" צווישן דער אַריסטאָקראַטיע און פאָלק איז פאָרגעקומען ביי אַנדערע פעלקער ווי פראַנצויזיש און דער רוסישער פאָלקשפּראַך אין רוסלאַנד. ביי אונדז האָט ער פאַרשפּעטיקט מיט מער ווי הונדערט יאָר. דער פאַקט בלייבט אָבער, אַז די שנאה פון די אַזוי גערופענע העברעיסטן צו יידיש (עברית או רוסית עברית או פולנית) איז געווען אַ קאַמף פון די אויבערשטע יחסנישע שיכטן קעגן אויפשטייג און קולטורעלער אַנטוויקלונג פון די פאָלקס־מאַסן. אָט די שנאה האָט איבערגענומען דער ציוניזם און איז — איין גאָט ווייס ווי אַזוי — איבערגעגאַנגען צו דער אָפיציעלער פירערשאַפט פון אַלע פועלי־ציוניסטישע און אַנדערע לינקע ריכטונגען אין ישראל.

דאָס טרויעריקסטע איז וואָס נישט וועלכע ס'איז ריכטונג אָדער ריכטונגען אין ישראל פירן דעם קאַמף קעגן יידיש. דאָס וואָלט געווען אַ נאָרמאַלע דערשיינונג, נאָר די אָפיציעלע רעגירונג פון ישראל, די אָפיציעלע מאַכט איז עס וואָס דערלויבט צו לערנען אַלע פרעמדע שפּראַכן אין די שולן, חוץ יידיש („קראַמפּע יעוורעיעוו"...).

אין זיין באַשרייבונג „מיינע זיבן יאָר אין תל אביב" גיט אונדז ז. סעגאַלאָוויטש אַ לעבעדיקע שילדערונג ווי מען דערציט די יידישע קינדער אין די פאָלקשולן.

גילי, דאָס קינד קומט איין מאָל אריין צו סעגאַלאָוויטשן און באַרימט זיך:

„איך קען עברית, איך קען פולנית, איך קען ערבית (אַראַביש) און אנגלית".

— און יידיש קענסטו אויך?

ענטפערט זי:

— זאת לא שפה.

„יידיש איז נישט קיין לשון".

אזוי האָבן געטענהט אַלע פאַרביסענע יידישע אַסימילאַטאָרן און צוזאַמען מיט זיי אַלע אַנטיסעמיטן. וואָס פאַר אַ ביטערע איראָניע פון אונדזער געשיכטע איז עס צו הערן פון מויל פון אַ יידיש קינד אין דער יידישער מלוכה...

מען זאָגט אונדז, אַז יידישע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן נישט גענומען קיין אַנטייל אין דער בויאונג פון ישראל האָבן נישט קיין רעכט צו פּראָטעסטירן קעגן די רדיפות אויף יידיש דאָרטן אויף דעם קען מען ענטפערן, אַז אויך אין דער שאַפונג פון אַזאַ ישוב ווי אַמעריקע האָט דער ציוניזם נישט גענומען קיין אַנטייל. ווי האָט זיך דער ציוניזם באַצויגן צו דער גרויסער מאַסע, וואָס האָט געוואַנדערט איבער גרענעצן, ימען און לענדער, זוכנדיק אַ מקום מקלט, ברויט און פרייהייט? וואָס האָט דער ציוניזם געטאָן זיי צו אָרגאַניזירן, פאַרלייכטערן זייער לעבן אין די סוועטשעפּער, הייבן זייער קולטורעלן מצב? — און דאָך קומט דער ציוניזם מיט גאָר גרויסע פאָדערונגען און פאָדערט גרויסע קרבנות פאַרן אויפבוי פון העברעיש־ציוניסטישן ישראל! דאַכט זיך, אַז די זעלביקע רעכט האָבן יידישע סאָציאַליסטן צו פאָדערן פון די פירער פון ישראל נישט צו פאַרפאָלגן און נישט צו שענדן אונדזער פאָלקשפּראַך, צום ווייניקסטן געבן איר אַזוי פיל רעכט ווי פויליש, אַראַביש, דייטש און ענגליש, אָדער זענען די יידיש־רעדנדיקע יידן אין ישראל ערגער ווי די אַראַבער?

גלות יידיש אין ישראל

אויב עס וואָלט געווען אמת, אַז יידיש איז גלות — פרעגט זיך: פאַר וואָס האָבן קעגן יידיש געקעמפט אַלע צוררי היהודים, פאַר וואָס

האבן יידישע אקטיארן זיך נעבעך געמוטשעט מיטן נעבראכענעם דייטשמעריש אויף דער יידישער בינע וויל די צארישע מאכט האט פארבאטן צו רעדן יידיש, פאר וואס האבן די פוילישע אנטיסעמיטן געוואיעט ווי וועלף קעגן יעדער יידישער צייטונג, קעגן יעדער יידיש־קולטורעלער אינסטיטוציע? — האבן זיי אויך אונדז געוואלט באַפרייען פון גלות? עס איז קלאר, אז אט דער קאמף קעגן יידיש פון די אלע רעאקציאנערן און אנטיסעמיטן איז געווען א וויכטיקער טייל פון אנטיסעמיטישן קאמף פון די אויסראטונגס־מעטאדן, וואס איז געפירט געווארן קעגן אונדז ווי א פאלק. ער איז געווען געצילט קעגן דער אנטוויקלונג און אויפשטייג פון די יידישע פאלקסמאסן. די שנאה צו יידיש איז דעריבער נישט קיין באזונדער ארץ־ישראל־דיקער געוויקס, נאר א נאכשלעפעניש פון גלות. דער בעסטער באַווייז דערפאר איז די שנאה צו יידיש אין די לערן־אנשטאלטן אין פוילן און אנדערע לענדער, וואס די ציוניסטן האבן דארט געפירט. פארשטייט זיך, אז מיר באשולדיקן חלילה נישט די פירער פון דער יידישער מלוכה אין אנטיסעמיטיזם. זיי זענען אבער באהערשט פון אן אידעע, וואס איז שעדלעך פאר ישראל און נאך מער פאר דער גרעסטער טייל יידן, וואס לעבן אין די תפוצות. די „אידעע" איז בעוונותינו הרבים א היינטמאדישע. מען רופט זי טאטאליטאריזם. דער ציוניזם פריער, איצט די מלוכה־פירער פון ישראל און ציוניסטישע פארטייען חוץ ישראל לייקענען אפ דאס גאנצע זיין פון א יידישן פאלק מיט אלע זיינע שטרעמונגען און ריכטונגען, זיי אנערקענען נישט דעם גאנצן אוצר פון גייסטיקע און קולטור־שאפונגען, וואס דאס פאלק האט אנגעזאמלט אין משך פון זיין פאר טויזנט יאריקן גלות־לעבן און שטעלן אנטקעגן דעם אלעם אן איינהייטלעכן העברעיש־ציוניסטישן שבט, וואס הייבט זיך אן און ענדיקט זיך מיט דער העברעיש־ציוניסטישער מלוכה אין לאנד ישראל.

דער ציוניסטישער „אחד"

ווי א מוסטער פון דער שבט־אידעע נעמען מיר איין פאראַגראף פון אן ארטיקל, וואס דער לינקער פועלי ציוניסט זרובבל האט פארעפנטלעכט אין היגן „אונזער וועג", ארגאן פון די לינקע פועלי ציון אין אמעריקע.

„די ציוניסטישע באוועגונג האט פארלייגט די יסודות פון דער מדינה. זי האט נאך אויסצופירן איר היסטארישע שליחות לטובת דער מדינה אין די אינטערעסן פון דער נאציאנאלער און סאציאלער באפרייאונג פון יידישן פאלק און זיין פאטערלאנד דורך דער רעאליזירונג פון קיבוץ גליות אין א פרייער זעלבסשטענדיקער מדינת ישראל".

אז דאס יידישע פאלק פארמאגט אנדערע שיכטן און אנדערע שטרעמונגען, וואס האבן אנדערע אידעען וועגן דער נאציאנאלער און סאציאלער באפרייאונג פון גאנצן יידישן פאלק — אזא זאך עקזיסטירט נישט פאר זרובבלען. די יידישע מלוכה אין יידיש האט אים ווייזט אוים פארדרייט דעם קאפ און פארשמעלערט דאס לעבן פון גאנצן יידישן פאלק צו איין באוועגונג: די ציוניסטישע און זרובבל איז איר פון גאט אליין באשטימטער כהן־גדול.

און כאטש זרובבל טרעט שארף ארוים קעגן דער מפא"י, וואס האט זיך פאראייניקט מיט „אנטי־ציוניסטן", וואס „האט אויסגעוויילט די שותפות און קאאליציע מיט די רעכטע און קלעריקאלע עלעמענטן" — ווייסן מיר אבער, אז וואס איז שייך די איינציקייט, דעם „אחד" פון ציוניזם אין יידישן לעבן — גייט זרובבל, בן גריון און יצחק גרינבוים צוזאמען. די פירער פון מפא"י און מפ"ם האבן זיך אין זייערע יונגע יארן אפגעזאגט פון „אדוני אחד" און האבן איצט אנגענומען דעם אחד פון ציוניזם אין גאנצן יידישן לעבן, פארן גאנצן יידישן פאלק. מדינת ישראל האט זיך זינט איר פראקלאמירונג א סך אויסגעברייטערט, אבער עס זעט אוים, אז מיטן אויסברייטערן זיך פון מדינת ישראל זענען די השגות וועגן יידישן פאלק, זיין פארגאנגענהייט, זיין מלחמה פארן קיום און פאר זיין באפרייאונג־איינגעשרומפן געווארן ביז די גרענעצן פון דער איצטיקער ישראל מלוכה און איצטיקער תקופה נישט ווייטער און נישט ברייטער. אין נאמען פון אט דער אידעע, פון ציוניסטישן „אחד" ווערט דאס געפירט דער קאמף קעגן יידיש אין ישראל און געפאדערט די „עקדה" פון יידיש אין תפוצות ישראל.

די עקדה

בכלל איז שוין צייט, אז מיר אלע, וואס רופן זיך „ציוויליזירטע וועלט" און „ציוויליזירטע מענטשן" זאלן ארויסווארפן פון אונד־

זער שפראך און פון אונדזערע קעפ די עקדה מיטן מזבח צוזאמען. עס איז שוין געווען צו פירן צו די „עקדות" און מקריב זיין אויפן מזבח פון וועלכן ס'איז „אידעאל" אזוי פיל מענטשן־לעבנס און צעשטערן שטעט און לענדער!

די „עקדה" און דער מזבח, כאטש זיי וואקסן און צעשפרייטן זיך אזוי ווייט און ברייט צוזאמען מיט אונדזער „ציוויליזאציע" בלייבן דאך דער גרעסטער און בלוטיקסטער משוגעת אין אונדזער לעבן. אבער די שליחים פון ישראל און די פארטיי־פירער אין ישר־ראל שעמען זיך נישט אדויסצוטרעטן אין דער עפנטלעכקייט מיט אט דער עקדה־משוגעת. זיי פאדערן פון אונדז איין קליינעקייט: זיך אפזאגן פון יידיש און יידיש־שאפן. און דאס ווערט געטאן אין א צייט ווען זעקס מיליאן יידן זענען אזוי גרויזאם אויסגעראטן געווארן, ווען אין סאוועטן־פארבאנד איז דאס יידישע ווארט און דאס גאנצע יידיש־נאציאנאלע לעבן דערשטיקט געווארן און אין גרעסטן פאר־בליבענעם יידישן ישוב אין אמעריקע ראנגלט זיך מיט אלע פאר־בליבענע כוחות א גרויסע יידישע מאסע מיטן שמעלצטאפ אויפ־צוהאלטן איר גייסטיק־קולטורעל לעבן און נאציאנאלן אייגנארט. אין אט דער עת צרה קומט מען צו אונדז מיט א גרוים טרייסט־ווארט, מיט גרויסער דערמוטיקונג: צו וואס קעמפן, פאר וואס זיך מאטערן אויפצוהאלטן א „גלות"־לשון און א „גלות"־קולטור — פירט אייער יידיש ווארט, אייער יידיש שאפן, אייער יידיש קול־טורעל לעבן צו דער עקדה פאר מדינת ישראל און א סוף דערמיט!

יידיש איז נאך אלץ דאס סאמע הארץ פון יידישן לעבן אין אמעריקע. יידיש פארבינדט נאך אלץ די יידן פון אלע לענדער צווי־שן זיך, און די יידן פון מדינת ישראל מיט די יידן פון דער וועלט. יידיש באריכערט נאך אלץ אונדזער לעבן מיט נייע שאפונגען, יידיש שטארקט דאס יידישע לעבן איבער דער וועלט און פאר־שטארקט דערמיט דעם אויפבוי און סאמע עקסיסטענץ פון ישראל. העברעיש קען יידיש נישט פארבייטן אין די לענדער חוץ ישראל. אפגערעדט דערפון, אז אפילו אין ישראל גופא זענען נאך ווייט די העברעיסטן מיט יידיש נישט פארטיק. ביי אונדז ווערט די יידישע מאסע וואס פארלירט איר יידיש לשון און קולטור פשוט פאר־עמהארצעוועט. דערמאנט זיך נאר ווי דערציטערט מיר זענען בע־

וואָרן ווען מען האָט ציטווייליק פאַרמאַכט די יידישע צייטונגען אין אַרגענטינע און ווי פיינלעך ס׳איז פאַר אונדז דער אונטער־גאַנג פון יידיש אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, כאָטש מיר האָבן די יידי־שע שרייבער דאָרט נישט אויפגעהערט צו קריטיקירן. חוץ דעם, האָט שוין דער נייהעברעיש, דער ספרדיש פון ישראל צו פאַרצייכענען אַזוי פיל שאַפונגען, וואָס קענען זיך פאַרגלייכן מיט די אוצרות פון יידיש? און ווער קען אונדז דאָס פאַרזיכערן, אַז דער ספרדיש איז מער יידיש־נאַציאָנאַל ווי יידיש?

אויב אָבער די וואָס פאָדערן פון אונדז עקדת יידיש קענען זיך פאַררופן אויף דער לעגענדאַרער געשיכטע מיט אברהם אבינו, וואָס האָט געפירט זיין איינציקן זון יצחק צו דער עקדה — קען מען זיי ענטפערן: צו אברהמען האָט זיך לויטן חומש באַוויזן גאָט, דער „אהיה אשר אהיה”, דער גאָט, וואָס איז מיט אונדז געווען אין אַלע גלותן, דער גאָט מיט וועלכן אונדזערע טאַטעס און מאַמעס האָבן זיך אויסגעטענהט אויף יידיש און געזוכט טרייסט און הילף אין זייערע צרות — צו די עקדהניקעס (אָדער עקדהניאקעס) זענען אָבער געקומען צו חלום די אַלע פינצטערע שאַטנס פון די הערשער און שונאים, וואָס האָבן אונדז פאַרפאָלגט אין אַלע גלותן און צעשטערט אונדזער לעבן!

די סכנות זענען נאָך נישט אַריבער

עס איז אפשר אַ נאַטירלעכע דערשיינונג, אַז פאַרשטייער און פירער פון געוויסע ריכטונגען זאָלן זיך און אַנדערע וועלן איינ־ריידן, אַז מיט זיי האָט זיך אָנגעהויבן און מיט זיי ענדיקט זיך די וועלט. אַזוי איז עס געווען פריער מיט אַנדערע ריכטונגען אין יידישן לעבן, אַזוי איז עס איצט מיטן ציוניזם. מען קען געוויס ביי זיי נישט אַפּנעמען דאָס רעכט אַזוי צו טראַכטן. דאָס גיט זיי כוח צו קעמפן, אַרבעטן און בויען דאָס לעבן אויף דעם געביט וואָס זיי פאַר־טרעטן, אין דער ראָל וואָס די געשיכטע האָט זיי אָוועקגעשטעלט און גאַנץ געוויס קען מען נישט אַפּנעמען ביי די אַרבעטער־טיילן פון ציוניזם זייער חלק אין קאַמף און אַרבעט פאַרן יידישן לעבן, וואָס זיי האָבן צוזאַמען מיט אונדז געפירט סיי אויף די ערטער, ווו יידן לעבן, סיי אין דער בויאונג פון יידישן ישוב אין ישראל.

אָבער דער מצב פון דער יונגער מדינה איז נאָך זייער שווער און א סך סכנות לויערן אויף איר. מדינת ישראל איז געקומען אויף דער וועלט מיט די געבורט־ווייען פון א בלוטיקער מלחמה אויף אלע אירע גרענעצן, ישראל איז געבליבן ארומגערינגלט מיט שונאים — די אראבישע פעאָדאלע מלוכות, וואָס וואַרטן נאָר אויף א געלעגנהייט צו באנייען די מלחמה. ישראל מוז אויפהאלטן א שטארקע ארמיי, גרייט זיך צו פארטיידיקן קעגן א סך שונאים. אפילו אין רייכערע לענדער זענען די ארמייען די הייזעריקן, וואָס פרעסן אויף די פראַצע און רייכטום פון פאָלק און שאַפן גאָרנישט. איז טאַקע דאָס טעג־לעכע ברויט פון גרעסטן טייל פון פאָלק אביסל שאר ירקות. די פראָבלעם פון דער גרויסער צאָל עולים פאר וועלכע ס'איז נישטאָ קיין וווינונגען און קיין ארבעט מאַכט די לאַגע נאָך שווערער. א גרויסע סכנה פאר ישראל איז אויך די אָריענטאַציע פון א גרויסער טייל פון מפ״ם אויפן סאָוועטן פארבאנד וואָס גייט האַנט ביי האַנט מיטן קאָמוניסטישן טאָטאליטאַריזם. נאָר די גרעסטע סכנה פאר דער יונגער מלוכה איז די שרעק פון דער דריטער וועלט־מלחמה, וואָס וועט פארוואַנדלען גאַנץ אייראָפּע, דעם נאָענטן און ווייטן מזרח אין א פייער־שפּייענדיקן ווולקאַן. די זעלביקע סכנה דראָט אָבער אויך אלע איבעריקע יידן פון דער וועלט.

די רפואה פאר אָט די אלע מכות איז אָבער בשום אופן נישט — און יעדער פּשוטער מענטש קען עס באַגרייפן — אין דער אידעאָ־לאָגיע, אַז ישראל איז דער איינציקער מקום מקלט פאר אלע יידן פון דער וועלט, נאָר פארקערט: אלע יידן אין אלע וועלטטיילן דאַרפן זייערע מאַראַלישע, און גייסטיק־קולטורעלע כוחות, זייער צוזאַמענ־בונד צווישן זיך פארשטאַרקן כדי צו באַגעגענען די שווערע סכנות וואָס רוקן זיך אויף דער גאַנצער פרידלעכער וועלט בכלל און אויף אונדז יידן בפרט. יידיש איז דער ווירקזאַמסטער, אויב נישט דער איינציקער מיטל צו פאַרשטאַרקן די גייסטיקע כוחות אין יידישן לעבן און זיי פארבינדן צווישן זיך. דער אָפיציעלער קאַמף קעגן יידיש אין ישראל איז די שווערסטע זינד, וואָס ישראל באַגייט קעגן זיך אליין און נאָך מער קעגן דעם גאַנצן פאָלק ישראל. דער קאַמף קעגן יידיש, וואָס ציוניסטן, איצט מיט דער אָפיציעלער הילף פון מדינת ישראל, פירן אין די לענדער פון די תפוצות, האָט געהאָלפן

און וועט ווייטער העלפן דעמאָראַליזירן דאָס יידישע לעבן און וועט בלי ספק קיין שום גוטס דער מלוכה ישראל נישט ברענגען.

יעדער מיט זיין מחנה, יעדער אונטער זיין פאָן
(איש על מחנהו ואיש על דגלו)

דאָס זיין פון אונדזער פאָלק, הייבט זיך אָן מיט צוועלף שבטים. דער חומש באַצייכנט אויף אַ וווּנדערלעכן אופן זייער אייגנאַרטיקייט.

„ראובן, מיין בכור ביסטו! מיין כוח, מיין ערשטע קראַפט. שמעון און לוי זענען ברידער, וואָפן פון רויב זענען זייערע לייב־קרובים. זבולון וועט וווינען ביים באָרטן פון ימען, יששכר איז אַ ביינ־יקער אייזל. דן וועט זיך אָננעמען פאַר זיין פאָלק. גד — אים וועט אַ מחנה באַפאַלן. ביי אשרן וועט זיין פעט זיין ברויט. נפתלי איז אַ הינדין אַ פלינקע. אַ פרעכטיק ביימל איז יוסף. בנימין איז אַ וואָלף וואָס פאַרציקט".

מיר זענען אויך היינט צו טאָג אַ פאָלק מיט פאַרשידענע ריכטונגען, שבטים. מיר רעדן אפילו אויף פאַרשידענע לשונות. אונדז פאַראייניקט אָבער נישט די אידעאָלאָגיע פון איין ריכטונג, פון איין לאַנד, נאָר די גאַנצע גשיכטע, די גאַנצע קולטור פון אונדזער פאָלק פון אברהם אבינו ביז היינט. אונדזער געשיכטע איז אַ קייט פון פאַרשידענע צייטן. פאַרשידענע תקופות און יידיש לעבן אין פאַרשידענע לענדער, אָבער געקייטלט איינס מיטן אַנדערן. מען קען זיי נישט צערייסן, נישט אָפטיילן און נישט אויסטיילן איינס פון צווייטן נישט צערייסנדיק די גאַנצע קייט. אַזוי קען מען נישט אָפטיילן און אָפלייקענען דעם חלק, וואָס יעדע ריכטונג האָט אין פאָלקס־לעבן און פאָלקס־קיום. נישט די וואָס טראָגן ווייטער די פאָנען און גייען מיט זייערע מחנות זינדיקן קעגן פאָלק. מער צרות ברענגען די וואָס כאַפּן זיך אַרויף אויפן זיגרייכן וואָגן און מאַכן יעלות ביז צום הימל, אַז „זייער" אמת איז דער איינציקער און באַשמוצן און באַבלאָטיקן די וואָס לעבן מיט און אַרבעטן ווייטער פאַר זייערע אידעען, וואָס האָבן אויפגעלויכטן און לייכטן ווייטער אין יידישן לעבן.

אָבער אַזוי ווי ס'איז אמת, אַז יעדע ריכטונג האָט איר פאַרדינ־

טן חלק אין לעבן און שאפונג פון פאָלק, אזוי איז אויך אמת, אַז די ארבעט פון יעדן טייל פאָלק באקומט איר היסטאָרישן ווערט ווען זי ווערט באַלויכטן מיט דעם ליכט פון דער גרויסער אידעע: דאָס איז אַז יעדע אַרבעט, ווי גרויס אָדער קליין זי זאָל נישט זיין, יעדע קולטור־שאַפונג, יעדע שול איז אַ ציגל אין דעם גרויסן פאָלקס־בנין, אַ שורה אָדער קאַפיטל אין דער געשיכטלעכער מיסטעריע פון יידישן זיין, וואָס זיין אָנהייב איז לעגענדע, זיין גאַנג — וווּנדער פון דער וועלט, זיין ענד — עד סוף כל הדורות.

מדינת ישראל און דאָס יידישע אַמעריקע

צום ערשטן דאַרף מען בכלל מאכן אַ פאַרגלייך צווישן אמע־ריקע און ישראל בנוגע דער שפּראַכן־פּראָבלעם. אמעריקע, — אין דעם פאַל מיינט מען, פאַרשטייט זיך — די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס מען רופט דער שמעלצטאָפּ, האָט זיך אויך באמיט צו צע־שמעלצן די פאַרשידן־שפּראַכיקע אימיגראַנטן אין איין ענגליש־אַמעריקאַניזירט פאָלק. אָבער דאָס שלעכט פאַרשטאַנענע אַמעריקאַ־ניזירן, וואָס אויך אַ גרויסע טייל פון דער יידישער פירערשאַפט האָט מיטגעהאָלפן, האָט געבראַכט דערצו אַז מיליאָנען מענטשן זענען געבליבן אָן וועלכן ס׳איז קולטורעל־גייסטיקן לעבן. דאָס אַלטע וואָס די מאַסן האָבן געבראַכט פון זייערע היימען האָט אַמעריקע צע־שמאָלצן און אַ נייע קולטור נעמט זיך אזוי גיך נישט אָן. איז טאַקע דאָס רייבע אַמעריקע געוואָרן, וואָס איז שייך דער אימיגראַנטישער מאַסע, אַ גרויסער קולטורעלער מדבר און דערצו איז אויפגעקומען אַ שוידערלעכע אָפּגעפרעמדקייט צווישן אַלטן און יונגן דור, וואָס אין לעבן שאַפט עס אומצאָליקע טראַגעדיעס. אַנדערש וואָלט עס געווען ווען מען וואָלט זיך באַמיט צוזאַמען מיטן צופּאַסן די עמי־גראַנטן צו די נייע אומשטענדן אויך אָפּצוהיטן און אויפצוהאַלטן די גייסטיקע ווערטן אין די פאַרשידענע שפּראַכן, וואָס די מאַסן האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט פון זייערע אַלטע היימען. סעם וואַנג־ראָווער פון י. באַשעוויסעס ראָמאַן „דער פעטער פון אַמעריקע” וואַרפט טאַקע אַ גרויליקע ליכט אויף אַ גרויסן טייל פון יידישן לעבן וואָס דער שמעלצטאָפּ האָט באַשאַפן.

אויף וויפל צווישן די יידישע מאַסן און אין יידישע היימען

לעבט נאָך וועלכע ס'איז קולטור איז עס נאָך אַלץ פון ביסל האָב און גוטס וואָס זיי האָבן געבראַכט מיט זיך פון דער היים. אויך די גרויסע מערהייט פון יונגן „אַמעריקאַניזירטן" דור האָט נישט באַוויזן צו שאַפן קיין שום קולטורעלע סביבה.

אויך די פירער און רעגירער פון מדינת ישראל באַמיען זיך, אַז דאָס לאַנד זאָל ווערן דער ציוניסטישער העברעיסטישער שמעלצטאָפּ פון גאַנצן יידישן פאָלק, אָבער דאָרט דערלויבט נישט די רעגירונג, אין היפוך צו אַמעריקע, קיין טעגלעכע יידישע צייטונגען, די יידישרעדנדיקע יידן האָבן דאָרט אפילו נישט קיין יידישע צייטונגען, די יידיש־רעדנדיקע יידן האָבן דאָרט אפילו נישט קיין יידישע נאָכמיטאָג־שולן, אויף די פאַרזאַמלונגען פון די יוניאָנס רעדט מען נישט קיין יידיש, קיין אַרבעטער־רינג און קיין טויזנטער פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס, אויף וועלכע טויזנטער פאָלקסמענטן לעבן זיך אויס מיט זייער שפּראַך, האָבן זיי אויך נישט, דער תהום צווישן אַלטן און יונגן דור איז נאָך טיפער ווי ביי אונדז. די רעזולטאַטן דערפון קענען נישט זיין קיין בעסערע ווי אין אַמעריקע.

דער עיקר אָבער ווילן מיר דאָ באַטאָנען די באַציונג פון מדינת ישראל צו דער יידישער אַמעריקע.

די אַרגומענטן מיט וועלכע די וואָרטזאָגער פון העברעיסטישן ציוניזם זענען מבטל דעם פינף מיליאָניקן יידישן ישוב אין אַמעריקע קענען צעטיילט ווערן אויף צוויי קאַטעגאָריעס:

1) דער יידישער ישוב אין אַמעריקע קען דערוואַרטן, אַז מיט אים זאָל געשען דאָס זעלביקע ווי מיט די יידן פון דייטשלאַנד און דער איינציקער רעטונגסאָרט פאַר זיי וועט זיין ישראל. דעריבער זענען אַלע „קאָנטריבוציעס", וואָס ווערן אַרויסגענומען פון יידישן אַמעריקע מער ווי באַרעכטיקט, ווייל דערמיט ווערט געשאַפן דער מקום מקלט פאַר אַלע יידן פון דער וועלט, פאַר אַמעריקאַנער יידן בתוכם.

אויף דעם קען מען ענטפערן:

אויב עס וואָלט, חלילה אַזוי געשען — וואָלטן די ציוניסטישע „אָרענדאָרן פון יידישן אומגליק", אויב זייער זאָרג פאַר די יידן פון אַמעריקע איז אויפריכטיק, זיי נעדאַרפט ראַטן צוזאַגרייטן פאַר זיך אַ נענטערן און זיכערן אָרט ווו צו אַנטלויפן, אַיידער דאָרט ווו די

סכנה איז מיט טויזנטער מייל נענטער ווי צו אמעריקע. און אויב זיי וועלן אונדז זאָגן, אַז זיי האָבן אַן אָרגאַניזירטע אַרמיי און וועלן זיך אַנטקעגנשטעלן זייערע שונאים וואָס זענען אַלע אַראַבישע מלו־כות פון נאָענטן מזרח — וועלן מיר, די יידן פון אַמעריקע, זיי געווים מיטהעלפן אין דער נישט־גלייכער מלחמה ווי מיר האָבן זיי געהאָלפן אין זייער ערשטע מלחמה, אָבער פאַר וואָס זאָלן זיי אונדז נישט עצהן אויך ביי אונדז, ווען אַ סכנה וועט חלילה אָנקומען, זאָלן מיר זיין גרייט זי צו באַגעגענען, זוכן פריינד און פאַרבינדעטע און זיך פאַרטיידיקן אַזוי ווי זיי וועלן עס טאָן? מיר וועלן דאָך דאָ האָבן מער פאַרבינדעטע און פריינד, וואָס וועלן צוזאַמען מיט אונדז קעמפן פאַר דעמאָקראַטיע און פרייהייט, ווי זיי צווישן די מיליאָנען שכנישע אַראַבער!

2) דער צווייטער אַרגומענט איז, אַז די יידן אין אַמעריקע אַסי־מילירן זיך און דער רייכער „פעטער פון אַמעריקע” פאַרלירט יעדן ווערט פאַר נאַציאָנאַלן פאָלקס־לעבן. אַט דאָס טאָר נישט איגנאָ־רירט ווערן. ווען די יידישע צענטערס אין אייראָפּע האָבן עקסיס־טירט איז געווען אַ גלייכגעוויכט, אויב נישט אַ איבערגעוויכט קעגן העבּרעאיסטישן ציוניזם אין יידישן לעבן. זינט אַמעריקע איז גע־בליבן דער איינציקער גרויסער יידיש־פאָלקסטימלעכער צענטער איז דער באַלאַנס צעשטערט געוואָרן. ווי אָפּטימיסטיש מיר זאָלן נישט זיין טאָר מען נישט אַוועקקוקן פון דער ווירקלעכקייט. מיר האָבן שוין איצט כמעט גאָרנישט וואָס זאָל דעם מאָדערנעם יידן געבן וועלכן ס'איז גייסטיק־קולטורעלן אינהאַלט. וואָס עס טוט זיך ביי די אָרטאָדאָקסישע און רעפאָרמירטע יידן וועלן מיר בעסער פאַר־שווייגן. מיר האָבן נישט קיין יידיש טעאַטער, קיין יידישע פילעמס, ווען דער פילעם און די טעלעוויזיע שפּילן אַזאַ גרויסע ראָל אין לעבן פון די מאַסן. די יידישע מאַסן לייענען נישט קיין ביכער. די יידישע היימען זענען אויסגעליידיקט פון יעדן קולטורעל־גייסטיקן אינהאַלט. אַ גויסע צאָל פון אונדזערע יידישע נאָכמיטאָג שולן גע־פונען זיך אין קעלערס און אין פאַרלאָזטע סטאָרס. דער צעטל קען זיך ציען אָן אַ סוף נאָר דאָס איז גענוג.

טייל אמתדיקע גוטע יידן זאָגן אונדז, אַז די רפואה פאַר אַט דער מכה איז אביסל תנ"ך, אביסל רעליגיע און אביסל אַלטע טראַ־

דיציעס. עס וואנדערט אונדז זייער וואס אזוי וויניק באגריפן און נאך וויניקער וואגן דאס ארויסצוזאגן, אז די סיבה פון דעם אלע־מען איז נישט קיין גייסטיקער דלות, מיר פארמאגן געלויבט צו גאט גענוג מענטשן וואס קענען אונדז שפייזן מיט רוחניות. און תנ״ך, רעליגיע און טראדיציע קומען סיוועי צום אויסדרוק אין אלץ וואס מיר שאפן, ווען אפילו די פארמען זענען „וועלטלעכע״. אנדערש וואלט ביי אונדז קיין פרץ, קיין רייזען, קיין לייוויק, קיין אפאטאשו, קיין מענעם נישט געווען.

פאר אלע די וואס פריידיקן, אז נאר די אלטע פארעם פון רע־ליגיע און טראדיציע קען זיכערן אונדזער קיום, וועט אפשר זיין אינ־טערעסאנט זיך צו באקענען מיט א פאראגראף פון א לייטארטיקל אין אן ענגלישער צייטונג, וואס א מעסיקער דעמאקראט האט נישט לאנג פארעפנטלעכט: „דער גייסטיקער אינהאלט וואס קומט צום אויסדרוק אין מענטשן אין דער אדער יענער פארעם פון רעליגיע — איז א ירושה־זאך. עס איז פונקט אזא טייל פון מענטשנס לעבן ווי עס איז זיין פלייש און בלוט. מענטשן האבן פון צייט צו צייט געפונען נייע פארמען דורך וועלכע זייערע גייסטיקע ווערטן קומען צום אויסדרוק. דער מענטשן קען אויסוואקסן אדער פארנאכלעסיקן איין פארעם און אנטוויקלען א צווייטע, אבער ער קען נישט פארלירן זיין גייסטיקן אינהאלט, וואס איז אן אומשטערבלעכער ארגאנישער טייל פון זיין לעבן״.

אונדזער צרה און גרויסער אומגליק איז דער גרויסער דלות, וואס הערשט ביי אונדז, ווען עס האנדלט זיך וועגן באפרידיקן אונד־זערע אייגענע גייסטיק־קולטורעלע הצטרכותן. מיר האבן נישט קיין טעאטער ווייל ס׳איז נישטא קיין געלט אויפצוהאלטן א געזעלשאפט־לעכן טעאטער. די יידישע מאסן לייענען נישט קיין ביכער ווייל עס פעלט אן ארגאניזאציע, וואס זאל איינארדענען לאקאלע שכנישע ביבליאטעקן אדער באוועגלעכע ביבליאטעקן און דערצו דארף מען האבן געלט. דראמאטורגן און שאפער פון גוטע ביכער וואס זאלן באלייכטן אונדזער לעבן דארף מען דערציען, שטיצן און פארזיכערן זיי מיט מיטלען צום לעבן. יונגע דראמאטישע טאלאנטן דארף מען אנטוויקלען און לערנען און געבן זיי די מעגלעכקייט פון דערפאלג

אויף דער בינע. מיר אָבער האָבן פון דעם מין גאָרנישט, חוץ אונדזער גרויסן דלות, וואָס שרייט צום הימל!

פאַרוואָס זענען מיר אַזעלכע דלותים? ווייל מיר זענען דער רייכער פעטער פון אַמעריקע, וואָס גיט אַוועק אַלע זיינע כוחות, אַלץ וואָס מען קען אַרויסקוועטשן פון אים נאָר פאַר די יידן פון אַנדערע לענדער, צומייינסטן טאַקע פאַרן אויפבוי און אויפהאַלט פון מדינת ישראל, וואָס נעמט ביי אונדז צו ניינציק פּראָצענט פון דער הילף וואָס ווערט ביי אונדז געזאַמלט און גיט אונדז צוריק, מיר מיינען דעם יידיש־פאָלקסטימלעכן אַמעריקע, גאַנצע הונדערט פּראָצענט שטיינער.

דאָס מיינט נישט בשום אופן, מיר זאָלן אָפּטאָן אונדזער ברייט־דערלעכע האַנט פון די יידן אין אַנדערע וועלטטיילן. דאָס מיינט יאָ, אויב די לאַגע וועט נישט געענדערט ווערן, אַז עס זאָל געשאַפן ווערן אַ באַלאַנס צווישן דער הילף וואָס ווערט געגעבן פאַר אַנדערע און אונדזערע אייגענע יידישע גייסטיק־קולטורעלע נויטן, וועט גאַנץ זיכער די וואָג פון אונדזער פאָלקס־לעבן אַריבערוועגן אויף דער זייט פון ציוניסטיש־העברעיסטישן שבטיזם און דאָס איז איינע פון די ערגסטע פּערספּעקטיוון אין אונדזער לעבן ווי אַ פאָלק.

אין שייכות דערמיט דאַרף מען אויך ענטפערן אויף אַן אַרגומענט וואָס אַן אומפּאַרטייאישער שרייבער ווי א. מענעס האָט אַרויסגעבראַכט אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען אין „פאָרווערטס”.

ער האָט אונדז מער אָדער ווייניקער געזאָגט אַזוי: דעם ציוניזם קומט אַלץ ווייל ער האָט אויפגעטאָן גרויסע מעשים, ווייל די חלוצים האָבן אַרויסגעוויזן אַזאַ גרויסן אידעאַליזם, וואָס האָט געפירט צו אַזאַ נס און דער עיקר צו אַזאַ גרויסן היסטאָרישן פאַקט אין אונדזער לעבן.

לייקענען מיר דאָס אַלץ נישט אָפּ, אָבער מיר פרעגן: האָט עמיץ שוין אויסגערעכנט, געציילט און געמאָסטן דעם אידעאַליזם, אַרבעט און קרבנות, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן אויפן באָדן פון יידישן פאָלקס־לעבן חוץ ישראל? איז מען נישט נעגאַנגען מיטן געזאַנג פון יידישע פרייהייטס־לידער קעגן די באַיאָנעטן, קוילן און נאַגייקעס פון צאַריזם; איז נישט געווען קיין מסירת נפש אין די זעלבסטשוצן וואָס האָבן פאַרטיידיקט יידיש לעבן און האָב־און־גוטס; האָבן

מיר נישט מיטן פליים פון מוראשקעס געבויט הונדערטער קולטור־אינסטיטוציעס, ביבליאָטעקן און אָוונט־שולן פאַר דער יוגנט; האָבן מיר נישט אונטער די שווערסטע באַדינגונגען פון הונגער און קעלט געשאַפן א נעץ פון שולן וואָס האָבן געקענט זיין אַ צירונג פאַרן רייכסטן לאַנד און צי האָבן פירער און מאַסן, קולטור־טוער און בויער נישט געבראַכט קיין איבערמענטשלעכע קרבנות צי אָרגאַני־זירן, אויפהייבן דעם לעבנס־סטאַנדאַרט און שאַפן אַ קולטור־לעבן פאַר די יידישע מאַסן וואָס האָבן ווי ריזיקע כוואַליעס געשטראָמט צו די ברעגעס פון אַמעריקע?

עס האָט זיך ביי אונדז געשאַפן אַ שפּלות־קאָמפּלעקס בנוגע אונדזער אייגן לעבן און אונדזער אייגענעם ווערט אין גרויסן סך הכל פון פאָלקסלעבן און אַ סך, אַ סך פון אונדז, וואָס זענען אויפ־געשטיגן צוזאַמען מיטן אויפשטייג פון די פאָלקסמאַסן און ציען נאָך זייער גייסטיקע און מאַטעריעלע יניקה פון דער ליבע צום יידישן וואָרט פון יידישן פאָלקס־מענטש, האָבן זיי פאַרראָטן און נאָך ער־גער: האָבן זיך אַליין פאַרראָטן און פאַרשעמט זייער אייגענע יוגנט, זייער אייגן לעבן.

מען וועט אונדז זאָגן — און מען זאָגט אונדז טאַקע — אַז דאָס אַלץ איז געווען און געבליבן גלות און ס'איז באַלד פון אָנהייב געווען פאַרמשפּט צום אונטערגאַנג און די קלוגע ציוניסטן האָבן דאָס אַלץ פאָרויסגעזען — מען פאַרגעסט אָבער ווי גרוים ס'איז גע־ווען די סכנה פאַרן יידישן ישוב אין ישראל צו טיילן דעם גורל פון די אייראָפּעישע יידן, ווען היטלערס חילות האָבן פאַרפלייצט דעם נאָענטן מזרח, און אַז די סכנה פאַר ישראל איז ווייט נאָך נישט אַריבער. דעריבער טאַקע איז אַזוי וויכטיק אויפצוהאַלטן דאָס יידי־שע לעבן אין אַלע טיילן פון דער וועלט און באַזונדער טאַקע אין אונדזער יידישער אַמעריקע.

פאָלק איז מער ווי שבט
די גרויסע אידעע פון יידישן לעבן אין אונדזער צייט

האומר דבר בשם אומרו... ווער עס זאָגט אַ זאַך אין נאָמען פון דעם וואָס האָט עס געזאָגט ברענגט אַ גאולה אויף דער וועלט. דעריבער דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן, אַז דעם געדאַנק: „פאָלק איז

מער ווי פּאַרטיי און איז נישט באַגרענעצט מיט צייט" האָט אַרויס־געזאָגט ד"ר י. נ. שטיינבערג אין זיין ערשטן עפנטלעכן אַרויסטריט אין ניו־יאָרק. און ד"ר שטיינבערג איז אָפּגעזעסן עטלעכע יאָר אין אויסטראַליע, אַרבעטנדיק פאַרן קימבערליי־פּראָיעקט און חוץ אַלע אַנטוישונגען שטייט ער נישט אָפּ ווייטער צו טראָגן און פאַרשפּרייטן די אידעע פון „פריילאַנד", וואָס איז די יורשטע פון טעריטאָריאַ־ליזם, וואָס שטרעבט צו שאַפן אַן אויטאָנאָמען יידיש־קולטורעלן צענטער אין איינעם פון די פרייע לענדער, וואָס זענען ווייניק באַ־פעלקערט.

דאָס באַווייזט, אַז די אידעע פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער טע־ריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע קען גיין האַנט ביי האַנט מיט דער אי־דעע פון פאָלק ווי ס'איז באַצייכנט געוואָרן אין די פריערדיקע קאַ־פּיטלעך.

פון אַן אַנדער זייט האָט אַ באַקאַנטער יידישער סאָציאַליסט, צביון, וואָס איז פון זיין יוגנט אָן ביז איצט געבליבן געטריי דער אידעע פון „בונד" עטלעכע מאָל איבערחזרט דעם געדאַנק, אַז מיר זאָגן זיך נישט אָפּ פון די עטלעכע מיליאָן יידן, פון סאָוועטן־פאַר־באַנד נאָך וועלכע מען האָט שוין ביי אונדז אָפּגעזאָגט קדיש און באַשטעטיקט זיינע ווערטער מיט אַ לענגערן בריוו פון לייב שטשע־קאַטש, וואָס איז געוועזן אַ פּליט אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אויף וויפל דאָס איז אמת באַווייזט דער פאַקט וואָס אַזאַ פאַרלוירענער שבט ווי די תימנער יידן ווערט איצט געבראַכט קיין ישראל און וועלן מיט דער צייט דאָרט ווערן אַ מיטשאַפערישער עלעמענט אין דאָרטיקן לעבן. טאָרן מיר אוודאי זיך נישט אָפּזאָגן פון די פּאָר מיליאָן יידן הינטערן אייזערנעם פאָרהאַנג אין גרויסן סך הכל פון יידישן לעבן.

אויב מען זאָל צורעכענען דערצו אַלץ וואָס ווערט לעצטנס גע־שריבן און אַרויסגעזאָגט דורך יידישע סאָציאַליסטן אין זייערע זשורנאַלן און אויף עפנטלעכע ריבונעס, קומען מיר צום פריידיקן אויספיר, אַז דער יידישער סאָציאַליזם פאַרטרעט די אידעע פון פאָלק אין זיין ברייטן וועלט־פאַרנעם און שטעלט זי אַנטקעגן דעם ציוניס־טיש־העברעיסטישן שבטיזם.

אָבער דער יידישער סאָציאַליזם טראָגט מיט זיך אַ צווייטן

יחוס־צעטל, מיט וועלכן ער איז געבוירן געוואָרן, דאָס איז אַז אונ־זער קיום ווי אַ פאָלק איז פאַרבונדן מיטן קאַמף און נצחון פאַר פרייהייט און סאָציאַלן יושר פון די פעלקער פון דער וועלט. דאָס איז אמת געווען פריער, דאָס איז אמת איצט.

פאָלק איז מער ווי פּאַרטיי, מער ווי שבט און אויך גרעסער ווי יידישע מלוכה. אַפילו אין אַזאַ נאַציאָנאַל־קאָנצענטרירט לאַנד ווי אַמעריקע איז דאָס אַלץ וואָס שטעלט מיט זיך פאָר מלוכה ווי: עקזעקוטיווע, פאָלקס־פאַרטרעטערשאַפט, דיפּלאָמאַטיע או"וו נאָר שוואַכע אָפּשפּיגלונג פון די שאַפנדיקע כוחות פון פאָלק. עלענאָר רוזוועלט שרייבט אין איינעם פון אירע קאָלומס: „די גרויסע מאַסן פון אונדזער פאָלק זענען פעיק אויף אַזעלכע גרויסע מעשים, ווי־זיעס, קוראַזש, וואָס שטייגט אָפּט אַריבער זייערע פירער".

פוילן, למשל. אָן אַ מלוכה האָבן סימבאָליזירט מיצקעוויטש און וויספּיאַנסקי. די פירער פון דער פוילישער מלוכה זענען געווען: פּילסודסקי, וויטאָס און יאַן דמאָווסקי. פוילן אָן אַ מלוכה האָט אַרויסגעגעבן לעניאָנען פרייהייטס־קעמפער און מאַרטירער. אין די תפיסות און קאָנצענטראַציע־לאַגערן פון דער פוילישער מלוכה האָט מען צום טויט פאַרפייניקט די אַרעסטירטע. וואָס די באָלשעוויסטי־שע מלוכה שטעלט מיט זיך פאָר פאַרשפאָרן מיר שוין צו פאַרגליי־כן... אַפשיטא שוין די יידישע מלוכה פון מדינת ישראל ווו ס'איז קאָנצענטרירט נאָר אַ קליינער טייל פון פאָלק.

ניין נישט העברעיסטיש־ציוניסטישער שבטיזם, נישט יידישע מלוכה קען אָנטקעגנגעשטעלט ווערן דער אידעע פון פאָלק. ווייל פאָלק איז דער מעכטיקער כוח וואָס איז אַדורכגעגאַנגען זיבן פייערן און איז געבליבן לעבן, אַ כוח וואָס האָט געבויט פוילן און ליטע, ישראל און די יידישע אַמעריקע, וואָס האָט געשאַפן אי לשון קודש אי יידיש; פאָלק איז דער רעגנבויגן וואָס באַווייזט זיך אויפן הימל נאָך יעדן מבול, נאָך יעדער פאַרפלייצונג און וועקט און גיט כוחות נישט פאַרצווייפלט צו ווערן, נישט מיד ווערן, ווייטער טראָגן די פאָן ווייטער בויען, ווידער שאַפן.

און די פאָן פון אונדזער פאָלק איז נישט די צוויי־פאַרביקע בלוי און ווייס, זי איז קאָלירט מיט די ששת־ימי־בראשית־דיקע פאַר־בן און צוזאָגן פון רעגנבויגן!

IMPRENTA "MODERNA"
GARCIADIEGO 28
TEL. 19-23-59